STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04579

DER KAMF FAR A FRAYER ERETS YISROEL

Mordekhai Dantsis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער קאמף פאר א פרייער ארץ ישראל

דער אמת וועגן דעם „ארגון צבאי לאומי", „הגנה" און דער „שטערן-גרופע"

פון

מרדכי דאנציס

•

אַרויסגעגעבן פון דעם "נאַציאָנאַלן אידישן ראַט"
ביי דער "אַמעריקאַנער ליעג פאַר אַ פרייער ארץ ישראל"

25 וועסט 45טע סטריט, ניו יאָרק

צימער 1401

פרייז 10 סענט

וואָס מיינט דער אידישער קאַמף אין ארץ ישראל

עס איז וויכטיק פאַר יעדן אידן, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין ארץ ישראל און אין דער צוקונפט פון אונזער פאָלק צו באַקענען זיך מיט דעם קאַמף, וואָס גייט אָן שוין פון אַ לייגערער צייט אין דער אידישער היימלאַנד און מיט דער פּאָליטישער לאַגע אין ארץ ישראל אין אַלגעמיין.

און ווען מען רעדט וועגן דעם אידישן קאַמף אין ארץ ישראל איז קודם כל וויכטיק צו באַטאָנען, אַז דאָס איז ניט אַ קאַמף פון בלויז אַ קליינער גרופּע מענטשן, פון אַ "הייפּעלע פאַנאַטיקער", נאָר עס איז אַן אמת'ער אויפשטאַנד, אַ רעוואָלוציע אין פולן זינען פון וואָרט — אין וועלכער עס זיינען פאַרטראָטן אַלע קלאַסן און שיכטן פון דעם אידישן ישוב.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער לאַגע אין ארץ ישראל וויסן, אַז עס איז אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג, אַז אַ יונגער בחור אָדער מיידל זאָל קומען צו די עלטערן און זאָגן צו זיי: — "מיר זיינען געקומען זיך מיט אייך געזע־גענען, ווייל מיר גייען זיך אַנשליסן אין די רייען פון די קעמפער פאַר אידישער פרייהייט". "עס קען זיין" — זאָגן די קינדער צו זייערע עלטערן — "אַז איר זעט אונז צום לעצטן מאָל, אָבער זאָרגט זיך ניט און פאַרגיסט ניט קיין טרערן. אויב מיר וועלן פאַרלירן אונזער לעבן, וועלן מיר עס טאָן מיט פרייד, ווייל מיר גייען אָפּגעבן אונזער לעבן פאַר דאָס טייערסטע און הייליקסטע וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט, און דאָס איז זיין פרייהייט".

די אידישע עלטערן אין ארץ ישראל פאַרשטייען עס, און די אידישע על־טערן גיבן זייער ברכה צו זייערע זין און טעכטער, וואָס גייען אַוועק זיך אָנ־שליסן אין די רייען פון די קעמפער פאַר אידישער פרייהייט.

און דערפאַר זאָל זיין קלאָר פאַר די אידן אין אַמעריקע, אַז דאָס וואָס עס קומט פאַר היינטיקן טאָג אין ארץ ישראל, איז ניט קיין קאַמף פון אַ קליינער, פאַר'עקשנ'טער גרופּע און אויך ניט קיין ספּאָראַדישער צופעליקער קאַמף, נאָר ווי שוין באַמערקט, אַ רעוואָלוציע, אַן אויפשטאַנד פון די אידן קעגן זייערע באַצווינגער. עס איז פונקט אַזאַ רעוואָלוציע ווי די רעוואָלוציע פון די איר־לענדער קעגן די ענגלישע טיראַנען, אָדער די רעוואָלוציע פון אַמעריקע אין 1775.

עס איז וויכטיק דאָס אַלץ צו געדיינקען, ווייל אין די אידישע קרייזן זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן פאַרפירערישע קלאַנגען וועגן די קעמפער פון ארץ ישראל. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך באַצייכנט דעם אידישן פרייהייטס קאַמף פאַר אַ קאַמף פון עקסטרעמיסטן. אַנדערע האָבן זיך באַנוצט מיט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי טעראָריסטן און נאָך ערגער.

אַ פאָלק קען געווינען זיך פרייהייט נאָר דורך קאַמף. עס זיינען פאַראַן וואונדערלעכע צוויי ווערטער — בדמיך חיי — אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן. די מאַקאַבעער האָבן פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון אָט די ווערטער, ווען זיי האָבן געפירט מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן די גריכן. בר כוכבא האָט פאַר־שטאַנען די ווערטער ווען ער האָט געקעמפט קעגן די רוימער, און די אייניקלאַך פון בר כוכבא און די מאַקאַבעער אין ארץ ישראל פאַרשטייען דעם באַדייט פון אָט די ווערטער.

דר. חיים ווייצמאַן, לאָרד מאָין און די אידישע פרייהייטס קעמפער

איך האָב פריער דערמאָנט ווי דאָ אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אידן וואָס באַגרייפן ניט דעם גרויסן וואונדער וואָס דער קאַמף אין ארץ ישראל שטעלט מיט זיך פאָר. זיי באַגרייפן אויך ניט די העלדישקייט, דעם מסירה נפש און דעם לויטערן אידעאַליזם פון די קעמפער אין ארץ ישראל.

איך האָב אויך דערמאָנט די שענדלעכע באַציאונג פון אַ גרויסער צאָל ציוניסטן צו דעם אידישן קאַמף און צו די קעמפער. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען איין ביישפיל אין וועלכן עס פיגורירט דר חיים ווייצמאַן, דער פרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בכבודו ובעצמו. דאָס איז געשען אין דער צייט ווען צוויי מיטגלידער פון אירגון צבאי לאומי האָבן אָפּ־געראָמט פון דער וועלט לאָרד מאָין, וועלכער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן די אַראַבישע ליגע, און וועלכער איז געווען אויך איינער פון יענע פאַרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָבן אויף זייערע הענט דאָס בלוט פון אַ גרויסער צאָל אידישע קרבנות. ווען די צוויי מאַרטירער פון ארגון צבאי לאומי האָבן געגומען נקמת דם השפוך, האָט דר. ווייצמאַן עפענטלעך דערקלערט, אַז דער טויט פון לאָרד מאָין האָט אַרויסגע־רופן ביי אים פיל מער טרויער און האָט אים שטאַרקער געטאָרפן ווי דער טויט פון זיין אייגענעם זון, וואָס איז אומגעקומען אַלס לופט־פליער אין דעם ענגלישן קאַנאַל. פאַרוואָס דער טויט פון אַן ענגלישן טיראַן זאָל אַזוי שטאַרק טרעפן דעם פרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אים אָנרירן מער ווי דער טויט פון זיין אייגענעם זון, איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר אַ אידן שווער צו פאַרשטיין. סיידן מען זאָל עס דערקלערן מיט דעם, וואָס דר. ווייצמאַן איז אַ געטרייער ענגלישער בירגער, וואָס האָט ניט איינמאָל, צוליב זיין לאָיאַליטעט און ליבע צו ענגלאַנד, פאַרגעסן אויף די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אידישן פאָלק און אויך פאַרגעסן, אַז ער אַלס פרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט באַשטימטע פליכטן צו זיין פאָלק. דר. ווייצמאַנ׳ס ענגלישע לאָיאַליטעט דערקלערט אגב אויך די גאַנצע דעפּיטיסטישע פּאָליטיק, וואָס צייכנט אויס דעם ווייצמאַן־רעזשים פאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָר, אַ פּאָליטיק, וואָס האָט געפירט דעם ציוניזם פון איין קאַטאַסטראָפע צו דער צווייטער, און וואָס האָט אונז געבראַכט צו דער איצטיקער קריטישער לאַגע.

די קעמפערישע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין ארץ ישראל

ווער זיינען די קעמפער אין ארץ ישראל?

ווער זיינען די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן דורכגעפירט די אַלע פּאָליטישע אַקציעס און געוואַגטע אַרויסטריטן און אַרויסגעוואָרפן אַ שרעק ניט נאָר אויף די אַראַבער, נאָר אויך אויף די ענגלענדער וועלכע האָבן אַן אַרמיי פון אַריבער הונדערט טויזנט סאָלדאַטן אין ארץ ישראל און אַ גרויסע פלאָטע אין די ארץ ישראל׳דיקע וואַסערן?

עס זיינען פאַראַן דריי קעמפערישע אָרגאַניזאַציעס: דער אירגון צבאי לאומי, די הגנה און די שטערן גרופּע. די הגנה ווערט געשטיצט און שטייט אונטער דער אויפזיכט פון דער אידישער אַגענטור. די הגנה שטייט אויך אונטער דעם איינפלוס פון דער הסתדרות. כאָטש אין דער לעצטער צייט האָבן הונדערטער און הונדערטער מיטגלידער פון דער הגנה באַפרייט זיך פון דעם דאָזיקן איינפלוס און אָנגענומען אַ מער אַגרעסיווע שטעלונג. אַנדערע הונדערטער און הונדערטער האָבן אינגאַנצן אָפּגעשפּאָלטן זיך פון דער הגנה און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אירגון.

די הגנה איז אין עיקר אַ דעפענסיווע אָרגאַניזאַציע. דאָס זיינען געווען אירע הויפּט-צילן בשעת זי איז געשאַפן געוואָרן. די אויפגאַבע פון הגנה איז געווען און איז טיילווייז נאָך איצט צו קעמפן בלויז דאַמאָלט ווען אַ געוויסער טייל פון ישוב ווערט אָנגעגריפן.

די הגנה איז געגרינדעט געוואָרן מערסטנס צו פאַרטיידיקן דעם ישוב קעגן די אָנפאַלן פון די אַראַבער.

דער קאַמף פון ארץ ישראל האָט אָבער מיט דער צייט אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. די אידישע טראַגעדיע אין אייראָפּע; דאָס וואָס ענגלאַנד האָט פאַרשלאָסן די טויערן פון ארץ ישראל און פאַראורטיילט דערמיט מיליאָנען אידן, וואָס וואָלטן זיך געווען געקענט ראַטעווען פון היטלערס קאַלך אויוונס, פון טויט און אונטערגאַנג, דער ענגלישער טעראָר אין ארץ ישראל, דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט געמוזט איבערגיין פון דעפענסיווע צו אָפענסיווע. עס האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקער ווידערשטאַנד און אויך אַן אָנגריף קעגן דעם שונא. און אָט דעם טייל פון פאַרשטאַרקטן ווידערשטאַנד און אַגרעסיוון קאַמף האָבן איבערגענומען דער אירגון צבאי לאומי, ווי אויך די שטערן גרופּע.

דער אירגון צבאי לאומי האָט ביז היינט געשאַפן אַ גלאָררייכן העלדישן קאַפּיטל אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. דער אירגון צבאי לאומי האָט דורכגעפירט אַ ריי פון קאַמפס-אַקציעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פון דער וועלט. דער אירגון צבאי לאומי האָט מיט זיין העלדישקייט, מיט זיין געוואַגטער טאַקטיק, מיט זיין וואונדערלעכער דיסציפּלין, אַרויסגערופן דעם טיפסטן רעספּעקט ביי די ענגלישע מיליטער-לייט.

די אידישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין אַלגעמיין, איז געוואָרן אַ מעכ־טיקער קאַמפס אינסטרומענט מיט וועלכן עס רעכענען זיך אי די אַראַבער, אי די ענגלענדער. די אידישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג האָט דערהויבן דעם פּרעס־טיזש פון אונזער פאָלק אין די אויגן פון דער וועלט. די אידישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג האָט געוויזן דער וועלט, אַז מיר קענען ניט נאָר אומקומען אין גאַז־קאַמערן און אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, נאָר אויך קעמפן שטאָלץ און מוטיק, און אויך ווען נויטיק, אָפּגעבן אונזער לעבן פאַר אונזער פרייהייט.

די אויפגאַבע פון דער שטערן גרופּע איז געווען און איז ביז היינטיקן טאָג — אָפּצורעכענען זיך מיט די ענגלישע מערדער, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם פאַרלוסט פון אידישע לעבנס און אָנצולערנען יענע ענגלישע באַאמטע, וואָס טעראָריזירן דעם אידישן ישוב און רייצן די אַראַבער קעגן אידן און פאַרוואַנדלען ארץ ישראל אין אַ גהינום פאַר די אידן.

דער קאַמף פון דער שטערן גרופּע טראָגט דערפאַר אַ מער אינדיווידועלן כאַראַקטער און איז געצילט אין אַ גרויסער מאָס מערסטנס קעגן יחידים. עס זאָל אָבער פאַרשטאַנען ווערן, אַז ווען עס פאָדערט זיך אַ גרויסע קעמפערישע אַקציע, דאַמאָלט פאַראייניקן אַלע גרופּן זייערע קעמפערישע כוחות און שלאָגן זיך צוזאַמען קעגן שונא. עס מעגן פון צייט צו צייט פאָרקומען מיינונגס פאַרשידנהייטן וועגן טאַקטיק און מעטאָד, אָבער אַלע קעמפערישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין ארץ ישראל זיינען פאַראייניקט אין דער גרויסער ווידערשטאַנדס באַוועגונג און אַלע קעמפערישע אָרגאַניזאַציעס אין ארץ ישראל האָבן איין ציל פאַר זיך, און דאָס איז צו באַפרייען ארץ ישראל פון שונא און שאַפן אין ארץ ישראל אַ פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וואָס זאָל זיין געבויט אויף די העכסטע פּרינציפּן פון מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט.

וואָס עס ווערט דערציילט וועגן דעם קאַמף פון די דריי ווידערשטאַנדס גרופּן אין ארץ ישראל

איך וויל דאָ ברענגען אַ טייל פון דער שילדערונג פון דער ווידערשטאַנדס באַוועגונג אין ארץ ישראל, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט ב. צ. גאָלדבערג, דער מיטאַרבעטער פון "טאָג", וואָס האָט פאַרבראַכט לעצטנס אין ארץ ישראל און האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער ווידערשטאַנדס באַוועגונג און מיט די פירער פון די דריי ווידערשטאַנדס גרופּעס. דאָס וואָס גאָלדבערג דערציילט איז וויכטיק צוליב דעם, וואָס גאָלדבערגן קען מען ניט חושד זיין אין פאַרטייאישקייט צו דעם קאַמפּס באַוועגונג אין ארץ ישראל. ער געהערט צו קרייזן וואו עס איז פאַראַנען אַן אויסגעשפּראָכענע קעגנערשאַפט צו די קעמ־פער פאַר אַ פרייער ארץ ישראל, און וואו די ווידערשטאַנדס באַוועגונג ווערט געשטעמפּעלט אַלס פאַשיסטיש. גאָלדבערג האָט אָבער זיך איבערצייגט אויפן אָרט ווי פאַלש עס זיינען די אַלערליי פאַרלוימדונגען וואָס ווערן געמאַכט אויפן חשבון פון די ארץ ישראל קעמפער. ער שרייבט:

"לאָמיר צוערשט מאַכן קלאָר וואָס די טעראָריסטן גרופּן זיינען ניט. — קיינער ניט פון די דריי גרופּן, דער "לחי" (לוחמי חרות ישראל) אָדער שטער־ניסטן, דער "ארגון צבאי לאומי" (אצל) און "פלמח" (פלג מלחמת חרות), זיי זיינען ניט קיין "אינגלאַך" ווי מען זאָגט אָפט. זיי ווערן אָנגעפירט פון גאַנץ דערוואַקסענע, ווייט איבער די אינגעלשע יאָרן און הגם זייערע נאָכפאָלגער זיינען יונגע מענטשן, זיינען אָט די יונגע מענטשן ניט אינגער פון די סאָל־דאַטן, וואָס האָבן אין דער לעצטער מלחמה דורכגעפירט די סאַמע געפערלעכסטע אַקטן, און טאָמער מאַכט זיך וואו איינער וואָס איז נאָך אינגער אין יאָרן, איז ער לחלוטין ניט אינגער אין שכל, זעלבסטקאָנטראָל און פאַראַנטוואָרטלעכקייט."

אויך אַן אַנדער פלאַץ פּראָטעסטירט דער שרייבער קעגן דעם, וואָס מען רופט די אידישע קעמפער מיטן נאָמען טעראָריסטן. ער זאָגט, אַז זיי זיינען פאַרטיזאַנען און אַז זיי קעמפן פאַר פרייהייט, אַז זייער קאַמף איז פונקט ווי דער קאַמף וואָס די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן געפירט קעגן ענגלאַנד, אָדער ווי דער קאַמף פון די אירלאַנדער פאַר זייער פרייהייט.

ער דערקלערט אויך דעם כאַראַקטער פון קאַמף אין ארץ ישראל, און ער זאָגט, "אַז אַפילו די עקסטרעמסטע צווישן די קעמפער, ווי ביז דאָ ניט לאַנג צוריק זיינען געווען די "שטערניסטן", אַז זיי גייען ניט ראָום סתם אומברענגען מענטשן. זיי האַלטן נאָר, אַז ווען מען האַקט וואַלד, פאַלן שפּענער און ווען אַ טעראָר אַקט איז נויטיק לויט זייער אויסרעכנונג, קען מען זיך פון דעם פלאַן ניט אָפּהאַלטן צוליב דעם, וואָס עס קען דאַביי פאַלן אַן אומשולדיקער קרבן. זעקס מיליאָן אידן זיינען געפאַלן אַלס קרבנות גאָר אָן אַ שום צוועק. זאָל ענגלאַנד געלינגען אָפּצוטאָן, וואָס זי וויל אָפּטאָן אין ארץ ישראל, וועלן פאַלן אַ סך מער אידישע קרבנות, ווי עס קענען פאַלן איצט ביי די אַקטן, וואָס די אידישע טעראָריסטן פירן דאָרט דורך."

וואָס שטעלן מיט זיך פאַר די אידישע קעמפער

דער שרייבער פרעגט וואָס זיינען די טעראָריסטן גרופּן יאָ? און ער ענטפערט.

"זיי זיינען גרופּן פון געטרייע, איבערגעגעבענע אידישע פּאַטריאָטן. זיי זיינען גוט געשולט, שטאַרק דיסציפּלינירט. זיי זיינען העכסט פעהיקע און מר־טיקע פּאַרטיזאַנען, יעדער מיט זיין אידעאַל אין האַרצן פאַר וועלכער ער איז גרייט צו לייגן זיין לעבן איטלעכע מינוט אין מעת־לעת."

דער שרייבער גייט דורך די געשיכטע פון דער ווידערשטאַנדס באַוועגונג אין ארץ ישראל, אָנהויבנדיק מיט דעם "השומר" אין דער צייט פון די ערשטע אידישע קאָלאָניעס, ווען יונגעלייט זיינען געשטאַנען מיט אַ ביקס אין דער האַנט צו באַוואַכן די נייע קאָלאָניעס, און ער קומט צו די איצטיקע דריי גרופּן — דער "ארגון צבאי לאומי", "לחי" אָדער שטערניסטן און די "הגנה".

"דער פּרינציפּ פון הגנה איז געווען נאָר זעלבסטשוץ אין דעם בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט. ווען נאָכן סוף פון קריג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ענגלאַנד וויל ערשט פאַרראַטן דאָס אידישע פאָלק נאָך מיאוסער ווי פאַרן קריג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס טויזנטער אידישע יונגעלייט האָבן זיך געשלאָגן אין דער ענגלישער אַרמיי און ווס זעקס מיליאָן אידישע קרבנות זיינען אומגעקומען, האָט די הגנה אָרגאַניזירט אַ מיליטערישן אַקטיוו, וואָס רופט זיך "פלמח", וואָס מיינט "פלג מלחמת חרות". דער פלמח דאַרף עס געבן דעם באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד צו ענגלאַנד בעת די "הגנה" גופא שטייט פאַר אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

"דער "ארגון צבאי לאומי" איז געבוירן געוואָרן אין די יאָרן 1936־1937 און איז אַרויסגעוואָקסן פון די אַראַבישע אומרועןן, ווען די אַראַבער פלעגן ניט נאָר באַפאַלן אידן, וואָס גייען דורך אַן אַראַבישע גאַס, נאָר פלעגן אויך באַפאַלן אין היפשע מחנות, אידישע קאָלאָניעס און וואַרפן באָמבעס פון די פענצטער פון די באַנען אויף תל אביב. דאַמאָלט האָבן זיך אַ צאָל יונגעלייט פון דער "הגנה" אָפּגעריסן און אונטער דער פירערשאַפט פון צוויי יונגע אידישע העלדן, רזיאל און שטערן, איז געגרינדעט געוואָרן דער "ארגון צבאי לאומי", אַ נאַ־ציאָנאַלע מיליץ, וואָס באַנוגנט זיך ניט נאָר מיט זעלבסטשוץ, נאָר וואָס ענטפערט מיט טעראָר און צאָלט די אַראַבער אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן.

"אָט די דריי גרופּן, דער "פלמח", "ארגון צבאי לאומי" און דער "לחי" אָדער שטערניסטן, זיי שטעלן מיט זיך פאַר דעם אָרגאַניזירטן באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד קעגן ענגלאַנד אין ארץ ישראל."

דאָס וואָס גאָלדבערג שרייבט, און ווי געזאָגט, איז ער אין דעם פּרט אַ פולשטענדיק אומפּאַרטייאישער מענטש, איז אין דירעקטן ווידערשפּרוך צו די פאַרלוימדונגען, וואָס ווערן געמאַכט אויף דער "ארגון צבאי לאומי" פון אַזעלכע מענטשן, ווי למשל, זרבבל, וועמעס גאַנצע חכמה שטעקט אין דער באָרד און פון אַנדערע פון זיין גלייכן, וואָס ווילן ניט אַנדערש ווי אַ ברודער־קריג אין ארץ ישראל.

פראָקלאַמאַציע פון ארגון צבאי לאומי
צו די אידן אין די גלות לענדער

מיר גיבן דאָ איבער אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס דער "אירגון צבאי לאומי" האָט אַרויסגעלאָזן צו די אידן פון דער וועלט.

אין דער פּראָקלאַמאַציע וואו פון יעדער שורה שלאָגט מיט'ן פייער פון קאַמף און צאָרן און פּראָטעסט קעגן ענגלאַנד, ווערט געזאָגט:

ברידער!

פאַר אונזער געפּייניקט פאָלק, פאַר זיינע זין וועלכע שטרעבן צו פריי־הייט, האָבן מיר אויפגעהויבן אין אונזער היימלאַנד די פאָן פון הייליקן אויפ־שטאַנד.

מיר האָבן אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד כדי אומצוקערן דעם אידישן פאָלק זיין לאַנד, זיין מדינה און זיין פרייהייט.

מיר האָבן אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד בכדי צו באַפרייען ארץ ישראל פון דער בריטישער הערשאַפט — די בלוטיקע רעגירונג וועלכע טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אומקומען פון מיליאָנען אונזערע ברידער. די רעגירונג וועלכע האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר הערשער און אונטערדריקער, וואָס צוטרעט מיט שפּאָט און פאַראַכטונג אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען און וואָס רויבט אַוועק די מינימאַלסטע רעכטן פון מענטשן און פון פאָלק.

מיר האָבן אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד בכדי צו מאַכן אַן ענדע צו אונזער פאַרשאָלטענער פאַרשפּרייטקייט און צו דעם שאַנד פון קנעכטשאַפט, וואָס מיר טראָגן אויף זיך.

מיר האָבן אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד בכדי איינצופירן באַלדיקע פריי־הייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט און קולטורעלן פּראָגרעס אין אונזער אייגן לאַנד.

מיר האָבן אויפגעהויבן אונזער אויפשטאַנד בכדי צו פאַראייניקן אויף דאָס ניי די טיילן פון אונזער לאַנד, וואָס זיינען ביי אונז אַוועקגערויבט געוואָרן — דעם מערב און מזרח זייט פון ירדן, וועלכע זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן דורך די בריטישע טיראַנען מיט דער הילף פון געדונגענע מדבר עפענדיס.

מיר האָבן אויפגעהויבן אונזער אויפשטאַנד און מיר האָבן געשוואָרן, אַז קיין קרבן איז אונז ניט צו טייער, און אַז מיר וועלן ניט אַוועקלייגן אונזער געווער און וועלן ניט איבעררייסן אונזער קאַמף ביז עס וועט ניט דערגרייכט ווערן די היסטאָרישע שטרעבונג פון אונזער פאָלק, און דאָס איז, ארץ ישראל אַלס אַ גאַנצע, פרייע און זעלבסטשטענדיקע מדינה.

אין משך פון יאָרן זיינען מיר געשטאַנען איינזאַם אין אונזער קאַמף. דער שרעקלעכער וועלט־קריג האָט געבראַכט צו דעם, אַז אונזער לאַנד ארץ ישראל

איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער ברייטער וועלט און פון אונזער צושפּרייט פאָלק.

פון אייראָפּע האָט זיך דערטראָגן צו אונז דער געשריי פון אידיש בלוט, דאָס בלוט פון אונזערע עלטערן, פון אונזערע ברידער און שוועסטער, דאָס בלוט פון אַ פאַרפּייניקט פאָלק און פון אונזערע ליבסטע און טייערסטע.

מיר האָבן געוואוסט ווער עס האָט זיי דערמאָרדעט. מיר האָבן געוואוסט ווער עס האָט זיי געהאָלפן צו ברייגגען צום אָפּגרונד. מיר האָבן געוואוסט, אַז ווען ניט דער בריטישער פאַרראַט, ווען אונזער לאַנד וואָלט ניט געווען באַ־הערשט פון אונזערע ענגלישע אונטערדריקער, ווען די בריטישע רעגירונג וואָלט ניט פאַרשלאָסן די טויערן פון אונזער לאַנד פאַרן קריג און בשעת דעם קריג, ווען דאָס וואָלט ניט געשען, וואָלטן די הענט פון די דייטשע מערדער ניט געווען דערגרייכט אונזער פאָלק און מיליאָנען פון אונזערע ברידער און שוועסטער וואָלטן היינט געלעבט ווי שטאָלצע, פרייע מענטשן.

דאַריבער האָבן מיר זיך ניט אונטערגעגעבן אָדער דערשראָקן זיך פאַר די ענגלישע דראָהונגען. מיר האָבן אויך ניט צוריקגעהאַלטן זיך אין אונזער קאַמף צוליב דעם, וואָס מיר זיינען געווען איינזאַם. מיר האָבן אויך ניט גע־לאָזט זיך איינריידן פון פאַלשע האָפנונגען און צוזאָגונגען.

מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן דעם איינציקן שריט און צו גיין אויף דעם איינציקן וועג, וואָס איז אונז פאַרבליבן, און דאָס איז דער וועג פון קאַמף. מיר האָבן אָנגעפאַנגען צו קעמפן און מיר האָבן געמאַכט צענדליקער אָנגריפן. מיר האָבן מקריב געווען טייערע קרבנות. צענדליקער אידישע קעמפער זיינען גע־פאַלן אין קאַמף. הונדערטער זיינען פאַרוואונדעט און געפאַנגען געוואָרן. דער שונא האָט אונז געיאָגט גלויבענדיק, אַז ער קען אונז פאַרניכטן. מיר זיינען געפייניקט געוואָרן אין קעלערן. מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין דער פרעמד, אָבער מיר זיינען ניט געבראָכן געוואָרן. אויפן אָרט פון די וואָס זיינען געפאַלן אין דער שלאַכט פאַר אידישער פרייהייט, זיינען געקומען אַנדערע, וואָס האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ און פאַרגעזעצט זייער קאַמף.

מיר זיינען פון קיינעם ניט געהאָלפן געוואָרן. פּונקט ווי אונזערע ברידער פאַרטיזאַנען אין די וועלדער פון פוילן, אַזוי האָבן מיר זיך אויך פאַרשאַפט דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן. מיט אונזערע אייגענע כוחות און אונזערע אייגענע מחות האָבן מיר זיך אַריינגעבראַכן אין דעם פיינטס לאַגערן און האָבן פון אים גענומען הונדערטער ביקסן און מאַשין געווער, שווערע און לייכטע, צענדליקער טויזנטער קוילן ווי אויך געלט, און אויך דאָס פאַרוואַנדעלט, לויט דער צוואה פון אונזער גייסטיקן פאָטער, אין אייזן.

און אָט אַזוי שפּילט זיך ווידער אַמאָל אָפּ די היסטאָרישע דראַמע פון שוואַכע קעגן שטאַרקע, פון פילע קעגן ווייניקע. אַזוי האָט די וועלט געלערנט, אַז אַ נייער דור איז אויפגעשטאַנען ביי אידן, אַ דור וועלכער שעפּט איבערמענטש־לעכע כחות פון דער ערד פון זיין לאַנד, וואָס איז געהייליקט געוואָרן פון אַלע צייטן פון דאָס בלוט פון העלדן און מאַרטירער. אַ דור, וואָס ליבט די פרייהייט

און האָט פיינט פאַרשקלאַפונג. אַ דור וואָס פאַרשטייט ווי אַזוי זיך אַנטקעגן צו שטעלן קעגן שונא און קעמפן מיט געווער אין די הענט פאַר גערעכטיקייט און פאַר אַ פריי לעבן.

איצט איז שוין נישט מער קיין וועלט־קריג, אָבער דער קריג קעגן דעם אידישן פאָלק, דער אידישער קריג, ווערט נאָך אַלץ פאַרגעזעצט. ניט לאַנג צוריק האָט די וועלט געפייערט אַ יאָר פון זייער נצחון. אָבער מיר? מיר טרויערן אויף דעם דריטל פון אונזער פאָלק, וואָס איז אויסגעמעקט געוואָרן פון ספר החיים. מיר טרויערן אויף אונזער לאַנד, וואָס איז געבליבן פאַרשקלאַפט ביי פרעמדע און פאַרשלאָסן פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער וועלכע רייסן זיך צו איר מיט זייערע לעצטע כוחות.

און אויב אונזערע לעבנגעבליבענע ברידער קערן זיך ניט אום ווי אַלע פעלקער צוריק צו אַ פרייען און פאַרטרעגלעכן לעבן איז עס נאָר דערפאַר, ווייל עס שטייט זיי אין וועג די פאַרעטערישע ענגלישע רעגירונג, וואָס פאַר־שפרייט איר נעץ פון שפּיאָנאַזש און אירע אַנטי־אידישע בלאָקאַדעס אויף די ברעגן פון מיטלענדישן ים און אויף זייערע וואַסערן און אויף די פעלדער פון אייראָפּע און אירע גרעניצן, כדי אָפּצושניידן איינמאָל פאַר אַלעמאָל דאָס אי־דישע פאָלק פון זיין היימאָט און איבערלאָזן אונז אין גלות, וואו מיר זיינען פאַר׳משפּט צו דעגענעראַציע, צו פאַרניכטונג און צו אייביקער פאַרשקלאַפונג.

און ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, אָדער טאַקע ווייל דער שונא קעמפט קעגן אונז מיט אַזוי פיל ביטערקייט און ברוטאַליטעט, ווערט אונזער קאַמף פאַר דער אידישער פרייהייטס קאַמף שטאַרקער פון טאָג צו טאָג.

ביי אונז אין לאַנד האָבן זיך אויפגעעפנט די אויגן פון די מאַסן און אויך די אויגן פון אונזערע מנהיגים, וואָס די מערסטע פון זיי זיינען געווען בלינד, און האָבן דערזען, אַז עס איז געבליבן פאַר אונז איין ברירה און קיין צווייטע, און דאָס איז אָדער קעמפן און אויסגעלייזט ווערן, אָדער שטעלן זיך צופרידן מיט חיה שעה און סוף כל סוף ווערן פאַרניכטעט. דאָס האָט געפירט צו דעם, אַז עס זיינען שוין מער נישטאָ קיין אינוויינינקסטע פאַרפאַלגונגען קעגן אונז, ווי דאָס האָט פריער פאַסירט. ווארום, אויב די אינעווייניקסטע פאַרפאָלגונגען קעגן אונז וואָלטן פאָרגעזעצט געוואָרן, וואָלט עס געוויס געבראַכט צו אַ קאַ־טאַסטראָפאַלן ברודער קאַמף.

מיר זיינען שטאָלץ אויף אונזער אינערלעכער דיסציפּלין, פונקט ווי מיר זיינען שטאָלץ אויף דער דיסציפּלין אין וועלכער עס צייכנען זיך אויס אונ־זערע קעמפער קעגן דעם שונא.

אונזער אינערלעכע דיסציפּלין האָט אונז געקאָסט טייערע קרבנות. אייניקע פון אונזערע בעסטע פירער זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פּאָליציי און זיינען דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן מיט דער הילף פון די בלינדע פּאָליציי מיט־אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען פון אידישע רייען. אָבער דאָס האָט אונז ניט פּראָוואָצירט און ניט אָפּגעהאַלטן נאָכצופאָלגן שטריינג דעם געבאָט פון אינווי־ניקסטער דיסציפּלין, און דאָס האָט סוף כל סוף געפירט צו דעם, אַז עס איז געלייגט געוואָרן דער באַזיס פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט אַזוי, אַז אַלע אידישע

קעמפערישע כוחות שטייען היינט אין געשלאָסענע רייען קעגן דעם ענגלישן שונא.

און פונקט ווי דער ענגלישער שונא האָט זיך אַנגעשטויסן אין ארץ ישראל אויף דער אייזערנער וואַנט פון אידישער פאַראייניקונג, אַזוי האָבן אויך די ענגלישע טיראַנען אין איראָפּע זיך אַנגעשטויסן אויף דער געאייניקטער קראַפט פון די לעבנגעבליבענע אידן, וואָס געפינען זיך אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן און אויסער די קאָנצענטראַציע לאַגערן.

אונזערע לעבנגעבליבענע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן גהינום און וואָס זיינען געפּרואווט געוואָרן מיט דעם, וואָס קיין מענטש אין דער וועלט איז ניט געפרואווט געוואָרן, זיי האָבן געלערנט דאָס אַן אַן אייגן לאַנד און אַן פרייהייט איז נישטאָ קיין לעבן און, אַז פרייהייט ווערט ניט געקויפט, נאָר עס ווערט דעראָבערט דורך קאַמף.

און אַט אַזוי שטייען אונזערע ברידער און שוועסטער אין איראָפּע, זיי וואָס זיינען זאַט מיט פאַרפאָלגונגען און אויסגעפּרואווט אין פייער פון ליידן, זיי וואָס זיינען געשולטע אין קאַמף און אין מורא'דיקע יסורים; זיי שטייען איצט, צענדליקער טויזנטער, אויף דעם בלוטיקן איראָפּעאישן קאָנטינענט און פאַראייניקייט אין איין פאַרלאַנג, געשמידט פון איין ברענענדיקן פאַרלאַנג, און דאָס איז, צו דערגרייכן די ברעגן פון אונזער היימלאַנד און אויפבויען דאָרטן זייער לעבן אויף אירע פעלדער, אַ לעבן פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער, און אויב די לאַנד איז אין די הענט פון שונא, זיינען זיי גרייט צו קעמפן פאַר איר באַפרייאונג און שטאַרבן אָדער זיגן.

עס איז אונזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז דער קריג וואָס ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן, וועט זיך ענדיקן מיט אַ זיג פאַר דעם אידישן פאָלק.

די ענגלישע טיראַנען קענען טאָקע פאַרלייגערן אונזערע ליידן, זיי קענען אויסצאַפּען נאָך אַביסל בלוט פון די אָפענע אידישע אָדערן, אָבער זייער פיל וועלן זיי ניט דערגרייכן. דאָס אידישע פאָלק וועט ניט אויפגעבן זיין לאַנד. דאָס אידישע פאָלק וועט זיך ניט אונטערגעבן צום שונא. דאָס אידישע פאָלק וועט מער ניט פאַרזעצן אַ לעבן פון גלות און פון דערנידערונג. ווארום די געשיכטע פון היינטיקער עפּאָכע האָט אונז געלערנט, אַז גלות מיינט אונזער פיזישע פאַרניכטונג.

דאָס אידישע פאָלק וועט דורכזעצן אַליין, ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, אַ וועג צו זיין היימלאַנד און וועט דאָס באַפרייען און באַנייען ווי אין די אַמאָליקע טעג.

און כדי צו פאַרקירצן די צייט פון אונזערע ליידן, מוזן אַלע אידן וואו נאָר זיי געפינען זיך, קאָנצענטרירן אַרום זייערע קעמפערישע זין, אַרום זייער היימלאַנד, וואָס האָט אויפגעלעבט אויף דאָס ניי.

דער אונטערערדישער קריג קעגן ענגלאַנד מוז ווערן אַן אַלוועלטלעכער, פונקט ווי דער קריג פון ענגלאַנד קעגן אונזער פאָלק איז אַן אַלוועלטלעכער. מיר מוזן אָנווענדן אַלע מיטלען און אונזער קאַמף דאַרף געפירט ווערן אויף אַן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב.

פון דער צווייטער זייט איז נויטיק הילף פאַר אונזער הויפּט פראָנט אין ארץ ישראל. מיר נויטיקן זיך אין קריגס מאַטעריאַלן; מיר נויטיקן זיך אין מעדיקאַמענטן און עס איז די פליכט פון יעדן אידן צו שטאַרקן די אידישע פרייהייטס קעמפער. דערמיט וועט פאַרשנעלערט ווערן דער טעמפּאָ פון קריג. דער פאַרנעם וועט פאַרגרעסערט ווערן און מיר וועלן זיין צוגעגרייט סיי מילי־טעריש און אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען וועלן העלפן אַרויסצוגיין פון מילי־טערישן אונטערגרונד אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד און דעראָבערן אונזער לאַנד.

דאָס איז אונזער רוף צו אייך אידן וואו נאָר איר געפינט זיך.

די אַנטשיידענע שעה איז געקומען. דער אידישער באַפרייאונגס קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. פון די אונטערדישע טייכן בלוט, פון דער טיפעניש פון דער אומשטערבלעכער אידישער געשיכטע זיינען אַרויסגעוואַקסן באַנייטע קרעפטן און האָבן זיך געשטעלט אין קאַמף, וואָס וועט באַשטימען אונזער שיקזאַל אויף דורות און דורות.

פאַר אונזערע אויגן איז אויפגעשטאַנען דער וואונדער פון שיבת ציון. און פאַר אונזערע אויגן איז אויסגעוואַקסן דער אידישער סאָלדאַט, דער אידי־שער קעמפער, וואָס ווייסט ניט פון קיין שרעק, אַ פרייהייטס קעמפער, וואָס איז אַ קריגס געשולטער און וועמעס הארץ איז פול מיט ליבע פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד.

פאַר אונזערע אויגן איז אויסגעוואַקסן דער נייער אידישער קעמפער, וואָס וועט דערפילן זיין פליכט ביז צו ענדע. ער וועט זיך ניט צוריקציען, און אויב זיין לעבן וועט געפאָדערט ווערן אַלס קרבן, וועט ער עס געבן מיט אַ פולן האַרצן, ווייל ער ווייס, אַז פון זיין בלוט וועט אויסשפּראָצן דער לעבנבוים פאַר זיין פאָלק.

און אין נאָמען פון דעם אומבאַוואוסטן סאָלדאַט, וואָס איז די פרוכט פון דעם פרייהייטס גייסט פון דעם אייביקן פאָלק, ווענדן מיר זיך צו אייך, און אין נאָמען פון גלויבן און מיט דער בשורה פון ווידער אויפלעבונג זאָגן מיר צו אייך:

די שעה פון דערלייזונג איז נאָענט.

שטייט אויף צו העלפן דעם קעמפענדיקן ציון! זייט גרייט צום פאָלקס קאַמף!

ענגלאַנד׳ס פאַרברעכן קעגן אידן האָט אַרויסגערופן די ווידערשטאַנדס באַוועגונג, האָט דערקלערט קאָלאָנעל וועדזשוואוד

דזשאשוא וועדזשוואוד איז געווען איינער פון די געציילטע אמת־אויפריכ־טיקע פריינט, וואָס אידן האָבן פאַרמאָגט צווישן די ענגלישע שטאַטסלייט.

קאָלאָנעל וועדזשוואוד איז געווען אויך איינער פון די געציילטע צווישן ניט־אידן, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן צוריק באַגריפן, וואָס די אידישע ווידער־שטאַנדס באַוועגונג אין ארץ ישראל באַדייט און פאַרוואָס די באַוועגונג איז געקומען צום לעבן.

אין חודש מאַי, 1939, האָט וועדזשוואוד געהאַלטן אַ רעדע צוזאַמען מיט דעם אומפאַרגעסלעכן זשאַבאָטינסקי אויף אַ ריזיקער מאַסן דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אויף וועלכער דאָס פוילישע אידנטום איז אַרויס־געטראָטן אין אַ ברוויזיקן פּראָטעסט קעגן ענגלאַנד׳ס פאַרברעכן אין פאַרבינ־דונג מיט דער אומלעגאַלער עליה.

אויף אָט דער מאַסן דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע, האָט קאָלאָנעל וועדזש־וואוד זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ווידערשטאַנדס באַוועגונג אין ארץ ישראל, וואָס איז נאָך דאַמאָלט געווען יונג, און ער האָט דערקלערט פאָלגענדעס:

״די אידן ווייסן איצט דאָס ערגסטע; זיי ווייסן, אַז קיין רעגירונג, אַפילו ניט די ענגלישע רעגירונג ווערט באַוואויגן פון געפילן פון מענטשלעכקייט, פון גערעכטיקייט אָדער פון צוזאָגונגען, און אַז דאָס איינציגע מיט וואָס מען רעכנט זיך יאָ איז שרעק פאַר מאַכט.

״די אידן מוזן לערנען די דאָזיקע לעקציע. זיי מוזן לערנען ווי צו שטעלן זיך אַנטקעגן אומגערעכטיקייט.

״עס זיינען פאַראַן צייטן ווען מענטשן מוזן ברעכן דאָס געזעץ. אַזעלכע צייטן קומען זעלטן ווען מענטשן מאַכן זייערע אייגענע געזעצן. די טענדענץ אין ענגלאַנד איז אויספאָלגן דעם געזעץ אַפילו ווען עס קוקט אויס אומגערעכט. מען אַרגומענטירט וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט און גערעכטיקייט ווערט געוואויגן און געמאָסטן מיט דער מאָס פון נוצלעכקייט. עס איז אין אַ מאָמענט ווען געוויסן און געזעץ קומען אין קאָנפליקט ווען מיר זיינען געצוואונגען צו באַשטימען און אויסקלייבן צווישן געזעץ פאַר גאָט און די געזעצן וואָס מענטשן האָבן געמאַכט — אין אַזעלכע מאָמענטן ברעכט אויס אַ ווידערשטאַנד. און די וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו ברעכן די געזעצן פון מענטשן, זיי ווערן מיט יאָרן שפּעטער אָנגערופן פּאַטריאָטן און מאַרטירער.

״יעדער אַקט פון דעם סאָרט פאָדערט קאַמעראַדעריי און זעלבסטאָפּפּערונג. עס פאָדערט זיך אַ שטריינג רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע אינספּיראַציע כדי צו פאַרזיכערן אַ פאַראייניקט ברעכן פון געזעץ. אַלע טרעפ, וואָס האָבן געפירט צו פרייהייט אין עדר ענגלישער געשיכטע זיינען געמאַכט געוואָרן פון מענטשן, וואָס זיינען באַוואויגן געוואָרן פון אַזאַ אינספּיראַציע.

"און דאָס אַלץ דאַרף דערקלערט ווערן צו די אידן, ווייל זיי, די אידן, זיינען איצט און זיינען אויך געווען פאַר ניינצן הונדערט יאָר די שטריינגסטע אָפּהיטער פון געזעץ צווישן אַלע פעלקער און זיי פאַרשטייען ניט, אַז די ענגלענדער זיינען עס ניט. זיי ווייסן ניט, אַז אַזאַ ווידערשטאַנד איז פאַרהייליקט געוואָרן אין ענגלאַנד, אין אירלאַנד און אין אַמעריקע. די גאַנצע עקזיסטענץ פון די אידן איז אַזוי לאַנג געווען אָפּהיינגיג פון געזעץ, פון אָרדנונג און פון פאָלגן די מענטשן, וואָס זיינען אין דער מאַכט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מאַכט איז די איינציקע אויטאָריטעט און, אַז עס איז ניט פיין צו שטעלן זיך אַנטקעגן. אָבער אַזאַ באַציהונג האָט קיינמאָל ניט און וועט קיינמאָל ניט געווינען דעם רעספּעקט פון די ענגלענדער פאַר וועלכער עס איז ראַסע.

"געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן אין ארץ ישראל צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר די אידן, אַז זיי זאָלן ניט קענען אַריינקומען אין לאַנד. עס זיינען געמאַכט געוואָרן געזעצן צו באַשטראָפן יענע אידן, וואָס באַהאַלטן אויס אַריינגעקומענע אידן. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן געזעצן, וואָס פאַרבאָטן אידן צו קויפן לאַנד, וואָס איז פאַר זיי די איינציקע קוואַל פון שפּייז. די שטייערן וואָס אידן צאָלן ווערן באַנוצט כדי איינצופירן און אויפצוהאַלטן די געזעצן. מען באַנוצט עס פאַר פּאָליציי, פאַר מאָטאָר שיפן, פאַר תפיסות און פאַר ריכטער. דאָס אַלץ ווערט באַנוצט צו פאַרטרייבן די אידן פון גאָטס ערד. אָט די דאָזיקע געזעצן און שטייערן זיינען ניט איינגעפירט געוואָרן פון אַ ראָט פון פאַרשטייער פון פאָלק. די קרבנות פון אָט די געזעצן האָבן ניט געהאַט קיין שטימע אין זיי און דערפאַר אויב עס זיינען ווען עס איז געווען געזעצן, וואָס מען מאַכט און מען דאַרף ברעכן, זיינען עס די געזעצן אין ארץ ישראל. און די צייט צו טאָן עס איז איצט, ווייל די געזעצן אין ארץ ישראל זיינען קעגן יעדן מענטשלעכן אינ־סטינקט, וואָס מיינט אין אַנדערע ווערטער זיי זיינען קעגן די געזעצן פון גאָט. און דערפאַר זאָג איך צו אייך, אויב איר וועט איצט אויפגעבן און זיך אָוועקלייגן, וועט איר זיך קיינמאָל מער ניט אויפהויבן.

"און עס איז גאַנץ לייכט צו ברעכן די געזעצן, אויב די אידן פון דער וועלט און איבערהויפּט פון ארץ ישראל האָבן דעם ווילן עס צו טאָן. עס איז פיל גרינ־גער ווי דער ווידערשטאַנד פון די אירלענדער אָדער פון די פּראָטעסטאַנטן אין אָלסטער אָדער פון די שווייצער, די האָלענדער, די סקאַטלענדער אָדער די גריכן. עס איז אָפּהיינגיג פון דער זעלבסט־אָפּפערונג און פון דער קאַמעראַדעריי, וואָס קומט פון אייניקייט. איבערהויפּט איז עס אַזוי אין ארץ ישראל.

"די אידן מוזן ביי זיך אָפּמאַכן, אַז עס איז אַ כבוד צו גיין אין תפיסה. מענער און פרויען מוזן זיין גרייט צו שטאַרבן. זיי מוזן זיין גרייט אָפּצוזאָגן זיך צו צאָלן שטייערן. זיי מוזן זיין גרייט צו נעמען לאַנד און צו שטעלן זיך קעגן די, וואָס ווילן זיי אַרויסוואַרפן. זיי מוזן אויך זיין גרייט אונטערצוגעבן זיך צו דיסציפּלין און אויספאָלגן די וואָס פירן זיי. די איבערצייגונג אַז מען איז גערעכט וועט געווינען איבער אַלע צרות און שוועריקייטן. זאָלן די אידן פון היינט זיך אַרויסווייזן ניט ווינציקער העלדיש ווי עס זיינען געווען די אידן אין די צייטן פון דער ביבל".

די אידישע ווידערשטאַנדס באַוועגונג און די רעטונג פון אונזער שארית הפליטה

ביים סוף ווילן מיר זאָגן, אַז די אידישע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג האָט געשפּילט און שפּילט אויך היינטיקן טאָג די הויפּט־ראָל אין דער רעטונג פון טויזנטער אידן וואָס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון אייראָפּעאישן גיהנום, און געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל.

דער "ארגון צבאי לאומי" וואָס קאָאָפּערירט מיט דער "אַמעריקאַנער ליגע פאַר אַ פרייער ארץ ישראל" איז איינער פון די גאָר וויכטיקע פאַקטאָרן אין דער רעטונג פון אונזער שארית הפליטה. פאָרשטייער פון "ארגון" וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון ארץ ישראל קיין אייראָפּע, אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט פאָרשטייער פון דער "אַמעריקאַנער ליגע פאַר אַ פרייער ארץ ישראל", וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון אַמעריקע קיין ארץ ישראל.

אָט די רעטונגס־אַרבעט איז איינע פון די גרויסע, היסטאָרישע פאַרדינסטן פון דער אידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. דער אידישער פרייהייטס קאַמף איז אויף אַזאַ אופן — אַ קאַמף פאַר דעם קיום פון די אידן פון היינט, און אַ פאַרזיכערונג פון אונזער צוקונפט.

THE FIGHT FOR A FREE PALESTINE

THE TRUTH ABOUT THE RESISTANCE MOVEMENT

by

M. DANZIS

•

Published by the NATIONAL JEWISH COUNCIL

Affiliated with the American League for a Free Palestine

25 West 45 Street, N.Y.C.

Suite 1401 BR 9-4600

Price 10c

Copyright 1946

PRINTED IN U.S.A. 106